STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11676

SHER UN AYZN

Leon Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שער און אייזן

— און —

אַ רייע אַנדערע פּאָפּולערע רעציטאַציעס

— פון —

כאַשמאַל

ארויסגעגעבן פון פּראָלעט פען

פאַרלאַג "סיגנאַל"

ניו יאָרק, 1933

פרייז 25 סענט

(SCISSORS AND PRESS-IRON)

— FOON —

CHASHMAL

Copyright by
LEON KATZ (CHASHMAL)
New York, N. Y.
September 1933

אינהאלט:

שער און אייזן — — — — — — — 3
קאפיטאל, קאפוט־אל — — — — 17
האלא מיסטער קריזיס — — — — 24
פריי — — — — — — — — — 29
מייסע בערייששים — — — — — 35
מע קראצט זיך — — — — — — 46
אף וואל סטריט — — — — — — 51
סאלוט גענאסע הילמאן — — — — 59
איינס, צוויי, דריי, פיר און פינף — 63

שער און אײַזן

קל־י־נ־ג ! ! !
קלינג־קלאַנג ! קלינג־קלאַנג ! !
קלינג־קלאַנג ! קלינג־קלאַנג ! !
קלאַפּט דער זייגער,
שרייט דער זייגער,
קלינג־קלאַנג ! קלינג־קלאַנג ! !
אַרבעטן, אַרבעטן,
שוין צייט צו אָפּשטיין אַרבעטן !
עס שיינט די זון שוין פון אַ צייט !
שטיי אוף־ף־ף־ף ! ! !
ס'ווערט שוין שפּעט,
ס'איז ש־פּ־ע־ט ! ! ! !
וואו איז יאַנקל, וואו איז ער ?
יאַנקל ז'נאָך אין בעט. . . . .

כ־כ־כ־כ־כ־כ־כ־כ־כ־כ־כ
כר־כר־כר־כר־כר־כר־כר
כראָ־אָ־אָ־אָ־אָ־פּעט ! ! ! ! !
כראַפּעט גאַנץ געשמאַק !
און אים אַנטקעגן —
טיק און טאַק און טאַק
און טיק און טיק און
טאַק,
קלאַפּט אַן אָפּהער,
קלאַפּט אַן אָפּהער
דער "אַלאַרם־קלאַק."
דינג, דינג !
גיט דער זייגער נאָך אַ קלינג,
דינג, דינג !
גיט דער זייגער נאָך אַ רינג,
יאַנקל, ס'איז דאָך שפּעט !
ס'איז שוין דאָך עט־עט !
וואָס ליגסטו אין בעט ?
ווי קענסטו זיך פאַרגינען,
אין מיטן־מיץ־דערינען,
אינמיטן וואָך,
זאָלסטו שלאָפן נאָך —
דערצו אַזוי געשמאַק !
דער "פּאַנטשינג־קלאַק"

שער און אייזן

אין שאָפּ באָם טיר,
וועט זיך בייזערן אַף דיר !
און דיין "פּאָנטשינג-קאַרד"
מיט רויט, מיט רויט,
דערלאַנגען וועט ער
גלייך אַ שמיר —
נו, נו, גיב זיך שוין אַ ריר !

— אוי, אוי, יעדן טאָג אַזוי,
— יעדן טאָג אַזוי !
— ווער האָט'ס אויסגעטראַכט
— דעם "וועקער" ?
— מיסטאָם דעם באָס'
— אַן אונטערלעקער. . . .

טראַך, קניאַק,
גיט דאָס העמערל פון זייגער
אַ האַק :
אַרבעטן, פוילער, אַר-בע-טן !
וועסט שוין באַ מיר אַרבעטן ! !

— מיילע, נו, מיילע,
— דו הינטישע נעווילע,
— אַ דרעמל לאָזט'ס דיר ניט כאַפּן !
— הער אוף קלינגען,
— הער אוף קלאַפּן !

— נו טאָ מאַכ'ס, יאַנקל, גיך !

— האָב צייט, האָב צייט !
— וואו זיינען מיינע שיך ?

דאָ — אַ שוך,
און דאָ — אַ זאָק,
דאָ — דאָס וועסטל,
דאָרט — דער ראָק. . . .
יאַנקל זעט — נישטאָ קיין צייט,
טוט דעם שניפּס אַן אַף אַ זייט :
— אוי יאַנקל ביסטו אַ לייט !

שער און אייזן

— איי ביסטו אַ לייט ! !
— נעם־זשע יאַנקל,
— עס כאַטש אָפּ !
— דריי ניט, אידענע,
— קא־קאָפּ !
— נישטאָ קא־צייט,
— נישטאָ קא־צייט !
— איך דאַרף נאָך פאָרן
— זייער ווייט, זייער ווייט !
— ס'איז אָך און וויי צו מיר !
— ס'איז אָך און וויי צו דיר !
יאַנקל לויפט אַרויס
פאַרקלאַפּנדיק די טיר.

היי, היי, קאַסיר !
אַ בראַנד אין דיר !
צי מיר ניט קיין אָדער,
נעם צעבייט אַף שנעל
דעם קוואָדער !
צעבייט, צעבייט !
כ'האָ'דאָך ניט קיין צייט ! !
גיב זיך שנעל אַ ריר,
די סאָבוויי קומט
און איך פאַרליר. . . .
יאַנקל לויפט שנעל אַהין
וואו עס שטייט
די "סלאַט־מאַשין."
אַ ניקל וואַרפט ער
דאָרט אַריין,
און די מאַשין
שלינגט'ס איין. . . .
זי שלינגט און שלינגט
און באַ יעדן שלינג,
גיט זי אַ זינג
אַף איר לאָשן,
אַף איר שפּראַך,
וואָס נאָר איר באָס אַליין,
קאָן די שפּראַך פאַרשטיין. . . .
יאַנקל האָט קיין צייט ניט

שער און אייזן

אַט די שפּראַך שטודירן,
ער קען די סאַבוויי,
כאַלילע, נאָך פאַרלירן.

די "סלאָט-מאַשין"
איז קליין און דין,
שלינגט זי נאָר
די "ניקלס" איין,
די סאַבוויי, אָבער —
ברייט און דיק,
גאַנצע מענטשן
כאַפּט זי אַריין.
עפנט מיילער אָן א צאָל,
שלינגט איין טויזנט
מיטאַמאָל,
שלינגט זיי איין
און שפּייט זיי אויס —
אַזוי טאָג איין,
אַזוי טאָג אויס. . . . .

שטופּט זיך יאַנקל,
שטופּט זיך שטאַרק,
כאַפּט אים איינער
פאַרן קאַרק :
— מיסטער, מיסטער,
— "וואַטש יאָר סטעפּ" !
— אויב ניט, קריגסטו אַ פּאָר קלעפּ !
נו, זאָל זיין וואָס ס'עט זיין !
יאַנקל כאַפּט זיך גיך אַריין —
אַ זעץ אין זייט,
אַ קלאַפּ אין קאָפּ,
נישטאָ קיין צייט — האָריאָפּ ! ! !

און מע אײַלט זיך,
און מע כאַפּט זיך,
און מע יאָגט זיך,
און מע קלאַפּט זיך —
טוט'ס וויי, איז מיילע, נו,
נישטאָ קאַ-צייט, נישטאָ, נישטאָ ! ! !

שער און אייזן

— וואָס זוכט איר, מיסטער,
וואָס-ט׳-איר פאַרלאָרן ?
אָה, איך שטיי אַף אייער
״קאָרן״ ?
טפו, צו מיינע סאָנים׳ם קעפּ !
איך האָב שיר געוואָלט
דערלאַנגען קלעפּ —
ס׳איז דו גאָר, פייסי ?
נו, מהייכע-טייסע !
ס׳איז דיר שווער ?
קום אַהער !
כאַפּ זיך אין מיין ״רימען״ אָן,
אַז מע אַרבעט ביידע אין איין
שאַפּ,
טאָ לאָמיר הענגען,
אַף איין שטריק,
אַף איין ״סטראַפּ,״
אָט פונקט ווי אין שאַפּ,
ווי אין שאַפּ —
דו פרעסט, איך ניי,
איך זיץ, דו שטיי,
״וואט די העל״ !
מע שינדט אונז ביידע
אַראָפּ די פעל —
האָ, פייסי, האָ ?
שאַ, יאַנקל, שאַ !
ט׳זיין געזינטער
פאַר אונז ביידע —
דערוויל קריגט מען
אַ שטיקל ״פיידע.״
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ !
לאַנגע שטונדן,
קורצע ״פיידע״
אָט דאָס קריגן מיר
איצט ביידע. . . . .
נו, קום שוין יאַנקל, קום אַראָפּ
און מאַראָטשע ניט קיין קאָפּ !
ניט מאַראָטשען ?
נאָר זיצן, שקלאָפן —

שער און אייזן

פאַר דעם באָס מיליאָנען שאַפן,
האַ, פייסי, האַ ?
שאַ, יאַנקל, שאַ !

אוי, דער שאַפ, דער ש־אַ־אַ־פ !
זיץ און ניי און זיץ און ניי,
אַט אַזוי, אַט אַזוי,
כאַפ, כאַפ, כאַפ, כאַפ ! ! !
שטעפ, שטעפ, שטעפ, שט־ע־ע־פ !
ניי, ניי, ניי, און דאָס רעדל דריי,
ניי, ניי, ניי, און דאָס רעדל דריי,
נאָך אַ קנאָפ און נאָך אַ קנעפל,
נאָך אַ שטעפ און נאָך אַ שטעפל,
דריי, דריי, דריי ! ! !
ניי, ניי, ניי, ניי, ניי ! ! !
ניט שטיי, ניט שטיי ! ! !
נו, בויג איין יאַנקל,
בויג דעם רוקן,
אַף דער נאָדל דאַרפסטו קוקן —
געדיינק, זי האָט אַ שפּיץ !
זיץ זשע רואיק, רואיק זיץ,
שטעך און שוויץ,
שוויץ און שטעך,
און די זייטן, און דעם רוקן,
און די פלייצע ברעך,
אַרבעט, אַרבעט,
אַרבעט, אַט אַזוי,
אַרבעט, אַרבעט,
מיטן פוס דאָס רעדל דריי.

דזש־זש־זש־זש־זש־זש־זש
טרר־רר־רר־רר־רר־רר
דזש־זש־זש־זש־זש־זש־זש ! !
טרר־רר־רר־רר־רר־רר ! !
קען מען דאָ אַ זין געפינען ?
האַ ? האַ ? האַ ? האַ ?
דאָס געזאַנג איז
זייער זיס,
זיכער, געוויס !

שער און אייזן

ס׳איז אַ סימפּאַניע פאַר אַ מאַן
וועלכער איז דאָ
גאָרניט פאַראַן —
"ספּיד-אַפּ-סיסטעם"
איז "זיין" פּלאַן,
זיינס דעם באָס.
אַ באָס! אַ באָס!
גלאַט אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס —
אַ באָס! אַ באָס!
פרעג פאַרוועז, פרעג פאַרוואָס?

דזש-זש-זש-זש-זש-זש-זש-זשזש!!
טרר-רר-רר-רר-רר-רר!!
אַרבעט, אַרבעט,
מיט די הענט און מיט די פיס,
אַרבעט, אַרבעט,
מאַשינען-קלאַנגען זיינען זיס,
נים פאַר דיר און ניט
פאַר מיר —
יעדער ניי, יעדער שטאָך,
פאַרן באָס אויצרעס נאָך,
ער זאָל ווערן פעטער,
ער זאָל ווערן דיקער,
און פון אונז די שקלאַפּן,
רייסט ער, צופּט ער שטיקער,
נאָך און נאָך, נאָך און נאָך,
און אַ מאַקע ענדע וואָך —

דזש-זש-זש-זש-זש-זש-זש-זש
טרר-רר-רר-רר-רר-רר,
אָ-אָ-אוי! אָ-אָ--אוי!
אָ-אָ-אוי! אָ-אָ--אוי!
וואָס איז יאַנקל
וואָס איז געשען?
פייסע, בעהיימע, קענסט ניט זען?
ברענג יאָדינע, "אַייעדיין,"
אַ נאָדל, אַ נאָדל!!
אין פינגער ז׳מיר אַריין!!
אָ-אָ-אוי! אָ-אָ-אוי!!

ש ע ר   א ו ן   אַ י י ז ן

אַ "באָי"! אַ "באָי"!!!!

דזש-זש-זש-זש-זש-זש-ש-ש
טרר-רר-רר-רר-רר-ררר
און דער פֿאָרמאַן ביי דער זייט,
שטייט און שרייט:
— נאָך, נאָך, נאָך, נאָך, נאָך!!
— נאָך אַ קנאָפּ און נאָך אַ קנעפּל,
— נאָך אַ שטאָך און נאָך אַ שטעפּל,
אין יעדער אייווער ברעכט,
אין די פּלייצעס שטעכט —
שלעכט! שלעכט! שלעכט!!!
איז קיין אויצע גאָר ניטאָ?
איז קיין מיטל גאָר ניטאָ?
האַ? האַ? האַ? האַ? האַ? האַ?
מוז מען גאַנצע טעג און נעכט,
שקלאַפּן טאַקע ווי די קנעכט?
איז דאָס אַזוי רעכט?
איז קיין רעטונג גאָר ניטאָ?
איז קיין אויסוועג גאָר ניטאָ?
האַ? האַ? האַ? האַ? האַ? האַ?
שאַ-שאַ-שאַ-שאַ-שאַ-אַ-אַ-אַ
ס'איז דאָ! ס'איז דאָ!!
לאָמיר ווייזן אַז "שער און אייזן"
האָט אַ מויעך,
לאָמיר ווייזן אַז "שער און אייזן"
האָט אַ קויעך,
קויעך, קויעך, קויעך, קויעך, קויעך!
הייבט די קעפּ אין דער הויך!
גלייכט די פּלייצעס אויס,
אין סטרייק, אין סטרייק,
גייען מיר אַרויס!!!
דזשעני, פּעני, דזשייקי, בעני,
סיידי, לינע, בעקי, מינע,
אייק און מייק —
אין סטרייק, אין סטרייק,
אין סטרייק, אין סטריי-יי-יי-ק!!!

2

אין שאַפּ איז שטיל,

שער און אייזן

אין שאַפּ איז שאַ —
אַ רעגעלער ביים־אווילאָם,
דער פאָרמאַן, דער פאָרמאַן,
ער גייט אום ווי אַ גוילאָם.
די שטעפּ־מאַשינען
שטייען שטום
אַ טויטע שטילקייט — אומעטום,
אָבער אין גאַס ?
געשרייען, הוראַ׳ס !
באַ דער אינדאָסטריעלער יוניאָן
אַ סטרייק ווערט היינט געפירט,
הוראַ, הוראַ !
די "פּיקעט־ליין" מאַרשירט !
אַלע, אַלע אין דער ריי,
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי דריי,
מען גייט זיך שטאָלץ
דעם שאַפּ פאַרביי —
מוטיק, מוטיק,
מוטיק, פעסט און בראַוו !
"שער און אייזן"
איז ניט מער קיין שקלאַף !
ר׳האָט באַוויזן אַז ער וויל,
בלייבן אַלע רעדער שטיל,
אַ־ל־ע ר־ע־ד־ע־ר ש־ט־י־ל ! !
און דער באָס, ווי אַ האָז,
דערזעענדיק אָט־אָ־דאָס,
ציטערט ער אָפּ פון שרעק,
און לויפט, און פליט
צום "פּאָלים־סטיישן" אַוועק.

אַ גוואַלד, אַ געשריי !
ראַטעוועט, פּאָליציי !
ראַטעוועט, ראַטעוועט !
די "אַמעריקען קאָנסטיטושן,"
ראַטעוועט, ראַטעוועט !
ס׳איז אַ "רעוואָלושן" !
די רויטע, די באָלשעוויקעס,
שיקט "פּאָלים,"

שער און אייזן

סאָלדאַטן מיט פּיקעס !
שנעלער, גיכער,
ג־יכ־ע־ר־רררר ! ! ! ! !

לויפן, יאָגן די פּאָלים,
סיי אַף פערד
און סיי צופוס —
דערדריקן, דערשטיקן
דעם סטרייק,
די "רעוואָלושן,"
זען וואָס גיכער ראַטעווען
די "אַמעריקען קאָנסטיטושן."

פּאָליציי, איבעראַל צעשפּרייט,
"פּאַטרול־וואָגנס" שטייען גרייט —
צו ראַטעווען, צו ראַטעווען,
צו ראַטעווען דאָס לאַנד,
צו ראַטעווען, צו ראַטעווען
אַמעריקע פון "שאַנד." . . . .
פּרוּווט
דער פּאָליציישקער שטעקן
דער פּיקעט־ליין
איבערשרעקן
און צעברעכן איר
אַף צווייען,
נאָר סע גייט ניט
כאָטש צעריים זיך —
די פּיקעט־ליין
ווערט ווידער גאַנץ,
לוסטיק, פריילעך ווי צום טאַנץ.

3

אוי וויי ! אוי וויי !
אַוועק אַ וואָך און צוויי —
שוין דריי אַוועק,
שוין פיר אַוועק,
און קלאָוקס "באַנדלס"
ליגן נעבעך גאַנצע פּעק.
טעלעגראַמעס, שטאַפּעטן

שער און אייזן

לויפן, פליען אן און עק,
"ספעשל דעליווערים"
פון די "קאסטאמערס" —
ס'א שרעק ! ! ! !
גוואלד ! גוואלד !
דער "סיזן" גייט אוועק !

זיצט באטאג, זיצט באנאכט
דער "קלוגער" באס
און טראכט :
ער ווערט דא אומגעבראכט !
אוי ! אוי ! אוי !
אפאנים ס'איז אזוי,
די אינדוסטריעלע יוניע
האט א קויאך, האט א מאכט.
זיצט ער טעג, זיצט ער נעכט
און מיט פארדרוס,
קומט ער צום באשלוס :
אז . . . ס'איז ביטער, שלעכט !
עס העלפט ניט פאליציי,
עס העלפט ניט קיין שום זאך —
די אינדוסטריעלע יוניע
שטייט אף דער וואך,
נו, טא גיי און מאך ! ! !

היי, דער !
מיסטער באס !
וואס טראכטסטו, וואס קלערסטו ?
בעהיימע, פערד, דו אקס,
אנו, אדערבע, זיי א כאכעם
און מאך אליין די "קלאוקס" !
די קאלנערס, די ארבל,
די "העמסטיטשינג," די "טאקס" ;
אין טיורמעס קענסטו
אונז פארפאקן,
הייסן שפאלטן קעפ !
דו העלד מיינער, זיי א כאכעם,
ווייז א קונץ און שטעפ !
נעם, זיי מויכל, אליין די נאדל,

שער און אייזן

פראָוו איינגייען די קנעפּ —
נו, אַדעראַבעּ, וווּיז, אַדעראַבעּ, צייג —
דאָס־אַ ברודער,
דאָס קענסטו אַ פייג. . . . .
נישטאָ, נישטאָ !
פאַר דיר קיין שקלאַפן מער !
נישטאָ, נישטאָ,
אָוועקגעוואָרפן נאָדל, שער,
אַמכאָ האָט דערוואַכט !
איצטער וועלן מיר דיר, כאַכעם,
באַווייזן אונזער מאַכט :
"אַכט שאָ אַ טאָג,
"פערציק שאָ אַ וואָך,"
נו, וואָס זאָגסטו, מיסטער באָס,
גיסט נאָך ?
גאַזלאָנים ! ראָצכים !
"האָלד־אָפּ"־ניקעס, אוי ווי !
נו, מיילע, נו,
זאָל שוין זיין אַזוי —
וואַרט, שטיי !
"שייק" נאָך ניט קיין הענט,
מיר ווילן אויך אַ העכערונג
נאָך אַף צען פּראָצענט. . . .
גיסטו נאָך ? שטימסטו איין ?
יאָ ? יאָ ?
יאָ, יאָ,
זייער גוט, פיין !
וואַרט מיר ווילן נאָך עפּעס,
אַנו, אַדעראַבעּ, טרעף !
פאַר "אָווער־טיים" מוזטו צאָלן
"טיים און אַ העף."
נו וואָס ? נו וואָס ?
וואָס זאָגסטו איצטער,
מיסטער באָס ?
ע. . בע. . מע. . ע. . . בע. . מע. . .
בע. . . מע. . . ע. . . בע. . מע. . . .
וואָס מעקעסטו ? וואָס בעקעסטו ?
קום אַרויס מיט לאָשן !
דו גיסט אונז נאָך, צי ניין ?

אויב ניט, זיי מייכל, גיי אין שאַפּ
און אַרבעט דאָרט אַליין!
"אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס,"
פאַרזוכט'ס מיסטער באָס!
נו, וואָס האָט איר, וואָס האָט איר,
אַראָפּגעלאָזט די נאָז?
פאָלגט אונז בעסער —
"וואַט די העל"!
בעסער סעטלט
מיט דער יוניאָן שנעל!
שרייבט, שרייבט,
שרייבט אונטער די פּאַפּירן,
ווען די מאַשינען ווידער
אָנהייבן זיך רירן....

.4

איר הערט? איר הערט?
פּאַסירט אַ מייסע,
גאָר פאַרקערט, גאָר פאַרקערט!
דער זייגער וועקט ניט יאַנקלען,
נאָר יאַנקל וועקט דעם זייגער,
כאַ-כאַ-כאַ-כאַ-כאַ-כאַ-כאַ!
יאָ, יאָ, יאָ, יאָ!
שרייט יאַנקל:
"נו, ריר זיך זייגער,
מאַכ'ס שנעלער, פייגער!
שנעלער! קריך!
נו שוין, קלינג, קלאַפּ!
פון היינט אָן און ווייטער
איז בא אונז
אַ יוניאָן שאַפּ, אַ יוניאָן שאַפּ!
פון דער "אינטערנעשיאַנאַל"
זיך אַרויסגעריסן,
און פון איר יוניע
ווילן מיר מער ניט וויסן.
די אינדוסטריעלע יוניאָן —
נאָר פון איהר ווען מיר
געניסן,
נאָר פון איר —

ש ע ר א ו ן א י י ז ן

זאָג זשע זייגער,
ווער איז איצטער
גלייך צו מיר ״ ?

רוישן, רוישן, רוישן, רוישן, רוישן, רוישן,
רוישן ווידער די מאַשינען,
רוישן, רוישן, רוישן, רוישן, רוישן,
ס׳האָט אָבער אַן אַנדער זינען :
יאַנקל זיצט און נייט און לאַכט,
יאַנקל זיצט און נייט און טראַכט :
זיך אַלץ געביטן איבער נאַכט !
ווי דען ? ווי דען ?
איי, איי, איי, איי, איי, איי, איי, איי !
וואָס די אינדוסטריעלע יוניאַן קען
אַנו כעוורע גיט אַ טראַכט !
פון אונזער יוניאַן,
די גרויסע מאַכט !
פון דער רעכטער יוניע
אונז אויסגעלייזט,
מיר זיינען איצטער פריי !
איינס און איינס איז צוויי,
צוויי און איינס איז דריי,
פון דער רעכטער יוניע זיינען מיר
ענדלעך פּאָטער, פריי !
טר-טר-טר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר
דזש-דזש-דזש-דזש-דזש-דזש-דזש
צו דער שקלאַפעריי,
זאָגן מיר ״גוד-ביי.״

קאַפּיטאַל, קאַפּוט-אַל

קאַפּיטאַל, קאַפּיטאַל !
דו הערשער, גענעראַל !
דיין קויאַך, דיין מאַכט,
געוועזן איז קאָלאָסאַל !
באַלעבאָס און דייע־זאָגער
איבעראַל,
א י ב ע ר אַ ל !
דיינע קאָנסטיטוציעס,
דיינע אינסטיטוציעס —
שטאַרק, פונדאַמענטאַל,
פ ו נ ד אַ מ ע נ ט אַ ל !

דער ערד קוגל
באַ דיינע פיס,
דער הימל
אין דיינע הענט,
אין דיינע בלוטיקע הענט,
אַלעס, אַלעס,
וואָס נאָר געוואָלט טון
האָסטו געקענט !
סיי אין אָקסידענט,
סיי אַפן אָריענט.
האָסטו געוואָלט
איז אַ שוועבעלע אָנגעצונדן
און אַ שטיק וועלט
פאַרברענט !
אַז אַלץ איז דאָך דיינס :
פאַרלאַמענט,
פּרעזידענט,
דיינס, דיינס,
נישטאָ קיין קאָנקורענט,
נישטאָ, נישטאָ !

קאַפּיטאַל, קאַפּיטאַל !
האָסט אויסגעהעפּט
אַ וואונדערבאַרן מאָראַל :
איינער מעג ווערן אַ מיליאָנער,
און מיליאָנען מענטשן —
בעדיל־אַ־דאַל ;

קאפיטאל, קאפוט־אל

צען זאָלן וואוינען
אין אַ פּאַלאַץ
און מיליאָנען אין אַ שטאָל.
ס'קומט דיר דערפאַר
אַ פלאַמיקער מעדאַל,
אַוואַדע, אַוואַדע,
ס'קומט דיר דערפאַר
אַ פיינע נאַגראַדע!
נישטאָ האָמער
זאָל שרייבן, ווידמענען,
דיינע פאַרדינסטן
כאָטש איין איליאַדע,
דיר,
וואָס האָט באַוויזן אַ קונץ
צו פאַרוואַנדלען מענטשלעכע ברואים
אין אַ קנעכטישער סטאַדע,
אין אַ הינטישער בריגאַדע.

דאָס אַלץ איז נעכטן געווען,
דאָס אַלץ איז נעכטן געשען!
אָבער היינט?
ווי, ווי, ווי!
וואָס איך זע,
וואָס איך הער!
דו, דער געזונטער בער,
ווייטער צו לעבן
ווערט דיר שווערער און שווער!
אוי, אוי, אוי!
ביסט נעבעך פאַרביי!
ליגסט נעבעך איצט
אין געהאַקטע וואונדן,
געציילט זיינען דיינע
שטונדן!
אָט אָט אָט
און דו ביסט פאַרשוואונדן.
דיין סאָף איז גאַנץ נאָנט,
מע זעט שוין אָט דעם
סאָף!
געפּלאַצט האָט דער בלאָף

קאַפּיטאַל, קאַפּוט־אַל

אַז דיר קען מען ניט באַזיגן,
איצט דאַרף מען ניט
מיט קיינעם זיך שוין קריגן,
איצט ווייסן שוין אַלע
אַז דאָס איז אַ ליגן,
נאָך וואָס פֿאַר אַ ליגן!
דערצו נאָך
האָבן דיינע שקלאַפֿן דערוואַכט
און דיין ענדע,
די אומפֿאַרמיידלאַכע ענדע
שנעלער געבראַכט.
אַ סאָף קומט איצט
צו דער פֿינסטערער לעגענדע
וואָס דיינע לאַקייען
האָבן אַזוי קונציק
פֿאַרשפּרייט,
אין פֿילאָזאָפֿיעס באַקליידט,
מיטן גראָבן פֿינגער
אויסגעדרייט.

די צייט רוקט זיך,
זי גייט און גייט
סיי אין דער לענג
און סיי אין דער ברייט —
שטייען די הייליקע באַדינער
ווי צעשראָקענע הינער,
דער גאַלעך
און ראַבינער
וויינען און קלאָגן,
קאָפּ אין וואַנט
טוען זיי זיך שלאָגן
און טוען־טון
פֿאַרן שטאַרבנדן קאַפּיטאַל
אַ טפֿילע זאָגן:
אוי יעזוסל,
גאָטס בעניאָכעדל,
גאָטס מעזיניקל,
האַרציקער, געטרייער!
גיב אַ קוק,

קאַפּיטאַל, קאַפּוט־אַל

באַטראַכט אונזער הער קאַפּיטאַל,
זיין לעבן
האָט איצט ניט די ווערט
קיין דרייער !
אוי טאַטעלע, אוי פאָטערל,
אוי יעזוסל !
זע ווי איך קרעכץ,
הער ווי איך אויקע,
האָב ראַכמאָנעס
דו, די מאַמע מאַריע
און די גאַנצע הייליקע
הימלישע טרויקע
זעט
איידער סע ווערט צו שפּעט !
איר זאָלט זיך באַמיען
און דעם אָרימען קאַפּיטאַל
פון בלאָטע אַרויסציען.
ראַטעווע יעזוסל,
ראַטעווע שוועגטי מאַריע !
קאַפּיטאַל
ניכפּעט אין אַמעריקע
און פוילט אין בולגאַריע,
שטינקט אין דייטשלאַנד
און איפּעשט אין שווייצאַריע . . . . .
ראַטעווע, ראַטעווע !
לאָז אים ניט פאַלן !
דאָס בעטן דיר די הייליקע,
די גאָטס־סטראַפּטשעס,
און אַלע קלעריקאַלן,
אויב ניט
זיינען מיר פאַרפאַלן !
נאָר דו קענסט אונז ראַטעווען
נאָר דו איינער,
אויב ניט,
זיינען מיר אין דער ערד
מיט די ביינער
און מירן דאַרפן
פאַרוואַרפן
אַף די "באַנטעס"

קאפיטאל, קאפוט־אל

די ציינער.....

אין אַ ווינקל
דאָרט
שטייט אַ באָרד,
שאָקלט זיך און שרייט :
אוי גאָט פון אַוראָהאָם
קאַהאַן
און פון איצכאָק
גאָלדבערג
און פון יאַנקעוו
סאַפּערשטיין
און פון רעב וועלוועלע
האַקאָדעש,
שיק אַרונטער
דיין מאַלעך גאַווריעל,
שיק אַרונטער
דיין מאַלעך מיכאָעל,
מיט קאַפּיטאַל
האַלט׳ם זייער שמאָ־על !

אוי ריבוינוי שעל אוילאָם
זע ווי די אַרבעטער,
די באַל־מעלאָכעס
דערגייען אונז די יאָרן,
טוען אַלץ אַף צולאָכעס ;
לאָזן קאַפּיטאַל
דעם אָטעם ניט כאַפּן,
זיין שטייען ראַק
און טערעבענציען
און קלאַפּן,
זיין גרייטן שוין אַפילע צו
אַ מיטע, אַ קייווער,
און איך דער קנעכט, שטיי
און עס ציטערט אין מיר
יעדער אייווער,
עס פּיבערט אין מיר
יעדער גליד,
סיי אַלם היילּיקער ראָוו,

קאַפּיטאַל, קאַפּוט־אַל

סיי אַלם קאַשערער איד.
אוי טאַטעניו,
באַווייז אַ נעם
נאָך היינטיקן מעסלעס,
באַווייז, באַווייז —

אוי ווי איז מיר, אוי !
ער איז שוין קאַלט
ווי־ווי אַייז !
אוי, אוי, אוי,
שוין, שוין, שוין,
ער איז מעס
ער איז מעס
שוין, שוין, שוין,
געשטאָרבן, געשטאָרבן !

אוי, ווי וועלן מיר קאָנען
איבערטראָגן דעם קלאַפּ ?
געווען אַזאַ גרויסער
באַל־צדאָקע, פילאַנטראָפּ,
געגעבן געלט אַף מיקוועס,
באָטיי־מידראָשים
געשטיצט יעסוימים
און אָרימע נאָשים.

אוי, וואָס טויג איצט דאָס לעבן,
וואָס טויג איצט די וועלט,
ווער וועט אונז שטיצן
מיט פּראָטעקציע, מיט געלט ?
איצט וועלן קומען
די אַרבעטער, די קאָמוניסטן
און מירן קריגן
אַ סאָף אַ וויסטן !
אוי, וואָס וועט ווערן פונעם רעבי,
וואָס וועט ווערן פונעם גאַבע ?
איסגאַדל ווייאיסקאַדעש
שמיי ראַבע —
אוי, טאַטע זיסער,
ער האָט געהאַט אַ קורץ לעבן,

קאפיטאל, קאפוט־אל

טאָ שענק אים כאָטש
אַ לאַנגע אוילאָם האַבע,
פֿאַר דער גרויסער צדאָקע,
פֿאַר די פּילע נעדאָוועס,
באַזעץ אים אויבן־אָן
באַגלייך מיט די אָוועס —

לאָזט, באַנדיטן, לאָזט
טראָגן דעם מעם —
צדאָקע טאַציל מימאָוועס!

און די אַרבעטער?
זיי האָבן אויך עפּעס וואָס צו זאָגן,
ניט דורך וויינען
און ניט דורך קלאָגן —
זיי זינגען:
דאָס איז שוין
איצט דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט!
אין דער ערד גייט איצט
דער רויבער,
עס קומט אָן אונזער צייט.
שרייט, שרייט,
פֿון נאָנט און פֿון ווייט —
הוראַ! הוראַ!
ענדלעך, ענדלעך,
זיינען מיר באַפרייט!
דעם סערפּ און האַמער
אין דער הויך,
אַלע, אַלע,
מיטן גאַנצן קויאַך:
דאָס איז שוין איצט
דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל,
די וועלט
פֿאַר די אַרבעטסלייט!

האַלאָ מיסטער קריזים

האַלאָ, מיסטער קריזים!
שאַ,
דאַכטזיך
פיר יאָר איז'ס,
האַ?
זינט געמאַכט האָסטעך
דאָ דיין נעסט,
זעט אויס
אַז דו קריגסט דאָ
פיינע קעסט
קינענאָרע!
ווי דו ביסט זיך
צעוואַקסן
אין דער לענג,
אין דער ברייט
און אין דער הויך,
אָ האָ!
עס גייט אַזש אַ רויך!

כאַ, כאַ, כאַ!
ווי געפעלט דיר
ווי אונזערע טאַטעס
האַלטן אין איין זאָגן
אַז זיי מוזן דיר פונדאַנען
מיט שטעקנס פאַריאָגן?
זיי פאַרזיכערן
אַז מע וועט ניט לאָזן דיר
דאָ אַף שטענדיק
זיך באַזעצן,
ס'האָבען זיך אַ יאַווע געטאָן
אַ כעוורע מיט ספּעצן,
די גרעסטע פּאַטריאָטן,
די געטרייסטע זין,
ווי האַמילטאָן פיש
און וויליאַם גרין.
מיסטער הואווער אַליין
האָט זיך אַרויסגעלאָזן
קעגן דיר אין אַ געיעג,
פאַרלאַנגט האָט ער

האַלאָ מיסטער קריזיס

ניט מער
ווי זעכציק טעג
און ער מאַכט פֿון דיר
פּיפּקע
איינס און צוויי
און פֿאַרקירצט דיר
די יאָרן.
אָרימער הואווער,
ער איז ווייט ניט פֿאַרפֿאָרן,
צוליב דיר טאַקע
האָט ער זיין בענקל
פֿאַרלאָרן.

דערמאָן זיך מיסטער קריזיס
ווי דער האָס קעגן דיר
האָט זיך געגעבן
אַ צעפּלאַקער,
האָט מען אַוועקגעזעצט
אין ווייסן הויז
אַ נייעם קנאַקער,
פֿרענקי ד. רוזוועלט,
מ'האָט זיך באַרימט
אַז הואווערן
פֿאַרשטופּט ער אין גאַרטל,
וואָס הואווער
האָט אין פֿיר יאָר ניט באַוויזן
וועט רוזוועלט
אין איין קוואַרטל!
איז וואָס זאָגסטו,
קריזיס ליבער,
דאָס קוואַרטל
איז דאַכט זיך
שוין אַריבער, האַ?
וואָס האָט שוין רוזוועלט
פֿאַר דער צייט
ניט פּרובירט
אָבער דיר מיין טייערינקער
פֿון אָרט ניט גערירט.

האַלאָ מיסטער קריזיס

כאַ, כאַ!
מיט טפילעס קעגן דיר
האָט מען דעם הימל פאַרפּלייצט,
די קלעריקאַלן האָט מען
אַף דיר אָנגערייצט.
מיט גאַנצע טיינעס
קעגן דיר —
מיסטער קריזיס,
ס'האָבן געבעטן
דער ראָוו
באַם ריבוינוי שעל אוילאָם
און דער פּאַפּסט
באַ דזשיזוס
אַז אין זייער געטלאכן
הייליקן, הימלישן זכות
זאָלסטו אָנלייגן מיטן קאָפּ
און ברעכן אַ פּוס,
דיר געשאָלטן
מיט קלאָלעס,
געוואונשן דיר
אַ טויזנט מאַפּאָלעס
און,
אַ נעכטיקער טאָג!
ס'האָט ניט געהאָלפן
זייער ליאַרעם, געשריי,
לאַכסט פון זייער קאָפּ
דו פייפסט גאָר
אַף זיי.

מיין ליבער קריזיס,
כ'מוז דיר מאַכן
אַ קאָמפּלימענט,
האָסט אַריבערגעיאָגט מאָרגאַנען
מיט זיינע לאַנגע הענט.
ניט נאָר אין אַמעריקע,
איבעראַל
וואו ס'הערשט
די סיסטעם פון קאַפּיטאַל,
האָסטו אַ פּלעקל

האַלאָ מיסטער קריזיס

אַ שטאַרקן פּאַרקלאַפּט,
און די סאַמע בעסטע
פּאָזיציע פאַרכאַפּט.

אַזוי אין גאַנצע
פינף זעקסטל
פון דער וועלט,
איין זעקסטל אָבער
האָסטו אינגאַנצן פאַרפעלט.
אַהין האָסטו
אַ פוס ניט געשטעלט.
מיין טייערינקער,
ווי עס שיינט,
האָסטו יענע לאַנד,
דעם סאָוועטן פאַרבאַנד,
אַ קאַפּיטשקע פיינט,
ווייל אין אַ לאַנד
פון מאַזאָליעס
וואָלסטו געלעגן אין דרערד׳
און געציילט פּאַסאָליעס.
ס׳ווערט וואָס ווייטער
פאַר אַלעמען קלאָר,
אַז דו
מיט אַן אַרבעטער לאַנד
זיינען ניט קיין פּאָר.

מיין ליבער קריזיס,
ערגערן לוינט זיך ניט
כאָלילע צוליב דעם,
ווי לאַנג ס׳ע פאַראַנען
לענדער
מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער
סיסטעם
וועסטו האָבן
אַ געלעגנהייט
צו לעבן, עקזיסטירן
און פונקט ווי איצטער
די גראַנדע פירן.
ביז וואַנען מע וועט איינפירן

האלאָ מיסטער קריזיס

איבעראַל סאָוועטן
וועסטו זיך קאָנען פּאַשען
און דאָס בייכל גלעטן,
ווי באָם טאַטן אין גאָרטן
וועסטו ווייטער ליגן
און זינגען אַ לידל
מיט דעם אַקדאָמעס ניגן :

מיין ליבער, מיין האַרציקער
הער קאַפּיטאַל,
דו ביסט דאָך מיין לעבן,
מיין אידעאַל.

אַזוי לאַנג ווי דיין סיסטעם
האָט נאָך אַן אָנהאַלט אויף דער ערד
וועל איך זיך דיר נאָכשלעפּן
ווי דער ווידל דעם פערד.

אויב דו ווילסט, מיין ליבער,
איך זאָל פון סצענע אַראָפּ,
וועסטו פריער מוזן
אָנלייגן מיטן קאָפּ.

יעס, סער !

פריי

איז ווי געפּעלט אייך, האַ!
מע גוואַלדעוועט,
מע טאַראַראַמעוועט,
מע קלאָגט,
מע באַראַבאַנעוועט
אוי וויי דער קריזיס!
אַן אָנשיקעניש, אַ שרעק,
אַן אומגליק איז עס.
אַן אומגליק?
כאַ, כאַ, כאַ!
דאָס האָבן סאָנים
אויסגעטראַכט
אַף אונזער אָרדנונג
אַ בילבול געמאַכט.
פרייהייט,
עמעסע פרייהייט
פאַר מיליאָנען מענטשן
האָט דער קריזיס
געבראַכט!
און זייט זיכער
באַ אָט דער צאָל
וועט'ס ניט בלייבן שטיין,
די צאָל וועט שטייגן
און שטייגן.
איר קאָנט זיך שוין איצטער
אין דעם איבערצייגן,
איז צו וואָס דאָס קלאָגן?
אַלעמיי?
שוין 17 מיליאָן
געמאַכט האָט דער קריזיס
פריי.
יאָרן לאַנג
פון באָסעס און פאַרלייט
געליטן,
שוויים און בלוט
פאַר אַ נישטיקע פאַר סענט
אויסגעביטן!
שמוץ געגעסן,
געשלונגען שטויב,

פרײַ

פאַרוואָס ?
פאַר אַ ביסל דרויב !
פאַר אַ טעלער בולבע זופּ
פאַר אַ ברעקל פּאַי
אַ פּאַראַזיט געמוזט באַדינען
שקלאַפעריש, געטריי.
נו,
איז אויפגעקומען
אַ טאָג אַ נייער
און מיט אים
דער קריזיס, דער באַפרייער !
ס'האָט דער שאַפּ
מיליאָנען אַרבעטער אויסגעשפּיגן,
אַרבעט וואו ערגעץ אַנדערש קריגן
מע קאָן ניט סיי ווי סיי
איז דאָך גוט,
מ'איז פריי, מ'איז פריי —
ווייסט איר וואָס דאָס מיינט ?
באַגרייפט איר דעם באַדייט ?
פון אַ וועלט מיט זאָרגן,
געוואָרן איז מען באַפרייט.

כאַ ! כאַ ! כאַ !
פריי ! פריי ! פריי !
פריי פון באָס,
פונם פאָרמאַנס אויגן
וואָס גיט אַכטונג
מע זאָל זיצן
דעם רוקן געבויגן,
פון אָרט
כאָלילע זיך ניט רירן
נאָר אַרבעטן, אַרבעטן,
שאַפן, פּראָדוצירן.
פריי פון דער מוירע,
פריי פונם שרעק
טאָמער שיקט דיר
דער באָס גאָר אוועק.
דער אַרבעטסלאָזער
דאַרף איצט זיך ניט זאָרגן :

פ ר י י

וואָס טוט מען מיט די סכירעס,
ווען מען גיט מען די פּאָר סענט ?
דעם גראָסערי מאַן דעם בוטשער,
צי דעם לענדלאָרד גאָר
פאַר רענט ?
נישטאָ איצט קיין פּראָבלעם,
פריי, אינגאַנצן פריי פון דעם.
פאָטער פון די קרעמער,
אַוודע, ווי דען ?
זיין גראָסערי און בוטשערשאַפּ
איז איצט די גאַרבעדזש־קען,
זי ליפערט יעדן טאָג,
אומזיסט, בעכינעם
עסנוואַרג פון אַלע מינים.
שטיקלאַך פלייש,
אויסגעקוועטשטע מאַראַנצען
און אָפּטמאָל אַן עפּל —
אַ צופוילטן נאָר אַ גאַנצן.
איין זאַך נאָר
דאַרפסטו פאַרשטיין,
ווען און וואו צו גיין.
ניט אין די אָרימע
קאַבצאָנישע געסלאַך
דאָרט איז ניט דער פּלאַץ,
צווישן די רייכע
מיליאָנערסקע פּעסלאַך
דאָרטן איז דער אויצער,
מיין ליבער, מיין שאַץ.
און ווילט זיך דיר עסן
אַ וואַרעם געקעכץ,
גיי אין סאַלוויישן אַרמיי
זאָג אַ טפילע
גיב אַ קרעכץ,
אַז דו וועסט פרום זיין
זאָג צו,
וועסטו דאָרטן קריגן
אַ טעלער מיט "סטיו,"
דערצו נאָך
אַ פּריבאַווע

פ ר י י

מע קריגט דאָרטן אויך
אַ טעפּעלע מיט קאַווע.
זאָג ניט אויס,
איך וועל דיר זאָגן אַ סאָד,
מען וואָלט געמעגט דער קאַווע
געבן אַ שטיקל באָד,
זי׳ז שמוציק,
ניט פאַר קיינעם געדאַכט,
נאָר עס מאַכט ניט,
מע טרינקט׳ס
סיי ווי סיי,
ווייל, פאַרשטייט איר מיר,
ס׳איז פריי ! פריי ! פריי !

יאָ, מיין ליבער
דער קריזיס האָט דעם אַרבעטער
פריי געמאַכט,
עקאָנאָמיע געבראַכט,
ניט נאָר אין שפּייז,
אויך אין דירע־געלט,
דעם אַרבעטערס וואוין־פּלאַץ
איז איצט
די פרייע וועלט.
אין אַ קעלער, אין אַ קאָרידאָר
שלאָפן איצט טויזנטער
שוין דאָס דריטע יאָר.
מע גייט אין אַ פלאָפּ־הויז
אין אַ הואווער־וויל
איז מען פריי פונם לענדלאָרד
און פון זיין מאָנאַטליכע ביל.

וואָלט אַלץ געווען
שאַ און שטיל,
שטיל און שאַ,
איז נאַ דיר, גאָר נאַ !
אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי
איז צום לעבן געקומען
און צו די אַרבעטסלאָזע
צו די "פרייע"

זיך גענומען.
רעדט אויך צו זיי
וועגן פריי
נאָר ניט דאָס, ניט דאָס,
ס'איז אינגאַנצן עפּעס ניי.
ווילסטו, זאָגט זי, ווערן
אַף דער עמעסן פריי,
טאָ לאָז ניט דיין לעבן
אין קרעכצעניש פאַרביי;
ווילסטו כאַוועך
ווערן פריי,
קאָנסטו,
נאָר ביטניי:
נישט געזעסן
מיט פאַרלייגטע הענט
און גענומען זיך צו די
וואָס אונזער לעבן
האָבן זיי געשענדט
און די אויגן אונזערע
פאַר אַ לאַנגע צייט
פאַרבלענדט.
נעם זיך כאַווערל צו זיי
ניט מיט קיין געבעט
נאָר מיט אַ געשריי
און אויב גיין
איז ניט אַליין
נאָר אַלע מיטאַמאָל.
זאָל דונערן אונזער שטימע,
זאָל קלינגען אונזער קאָל
פלאַמענדיק און הייס:
נעם אַוועק דיינע לאַפּעס
פון אונזער בלוט און שוויס,
גענוג געוואָרן
פעט און דיק,
אונזער פראַצע
גיב אָפּ צוריק!
נעם אַוועק דיין נאָמען
פון די הייזער,
פון די קראָמען,

פריי

פון איבעראַל,
ס׳איז אונזערס,
נישט דיינס,
הער קאַפּיטאַל !

זייַ ניט, כאַוועַר,
זייַ ניט און קלער,
קום ניט אָפּ
מיט אַ קרעכץ,
מיט אַ טרער.

ווילסטו ווערן
אַף דער עמעס פריי,
קעמף, כאַוועַר, קעמף !
ס׳איז ניט גרינג
אָבער כאַוועַר
ס׳איז קעדיי
ס׳איז קעדיי !

אָט אַזוי זאָגן די מענטשן
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי,
און מערקווירדיק,
הונדערטע טויזנטער
הויבן אָן זיך
צוהערן צו זיי.

מייסע בעריישים
(ווי גאָט האָט באַשאַפן "ריעל-עסטייט"
און וואַסער)

ווען גאָט באָרוך הו
איז צום סייכל געקומען
און האָט זיך גענומען
באַשאַפן די וועלט,
ווי אים געפעלט —
איז וואָס געשען ?
אָט וועט איר זען :

ער האָט גענומען אַ שטיק פייער,
גרוים אומגעהייער
(עס קאָסט אים דען טייער ?)
באַשלאָסן די קויל
מיט ערד צו באַדעקן,
מע זאָל זיך פאַרן פייער
ניט דערשרעקן.

איז דאָך דאָס
אַ גוטער געדאַנק !
טאָמער ווערט אַ קאַבצן
קראַנק,
וועט זיין פאַמיליע
ניט דאַרפן די נעשאָמע אויסשפייען —
זי'ט קענען פראַנק און פריי
די ערד קייען.

האָט גאָט געגעבן
דער קיסע־האַקאָוועד אַ הויב —
האָט אָנגעהויבן פליען . . . . .
שטויב.
אָבער אַלץ הייסט
געפלויגן —
ס'האָט אים פאַרפּראָשעט אַזש
די אויגן.
און דער שטויב האָט זיך
צעזייט,
אויף דער קויל פייער
צעשפּרייט.

אפן צווייטן טאָג —
אוי אַ קלאָג!
גאָטס פּאָנים האָט זיך אַזש
פון ווייטיק צעקרימט,
ס'האָט מיט דער געאָגראַפיע
לאַכלוטין ניט געשטימט:
אַף דער מאַפּע איז דאָ
כינע, פּאַלעסטינע,
אייראָפּע, אַרגענטינע,
און דאָ אַף דער וועלט
נישטאָ, עס פעלט.

האָט דאָך אָבער גאָט
אַ קאָפּ אַף דער פּלייצע,
פרעגט ער ניט קיינעם
און גיט זיך אַן אויצע:

ער איז אַוועק און אַ
פּאָר שמוציקע אונטערוועש
געבראַכט,
און ער האָט מיט זיי
אַ כינע געמאַכט.

ווי איר זעט מיר אַ אידן,
רעב כייעם
אַז אַד האַיעם
גייען אַרום די כינעזער
מיט זייף אין די טאַשן
און האַלטן אין איין וואַשן
די שמוציקע וועש
פון פרעמדע פּאַרשוינען,
און אָסור רעב כייעם
אויב עס טוט זיך לוינען.

אַף מאָרגן
האָט גאָט באָרוך הו
זיך גענומען זאָרגן
מיקויעך דער הייליקער מדינע
— פּאַלעסטינע.

מייסע בעריישים

וואו נעמט מען ערגעץ
אַ לאַטע, אַ שמאַטע,
ס'זאָל קלעקן
ערעץ־איסראָעל צו באַדעקן ?

פאַרלירט ניט גאָט זיין מוט,
אַז ס'איז נישטאָ,
איז אַ רעשעטע
אויכעט גוט.

איך גיב אייך מיין וואָרט,
אַז עס וואָלט געווען
אַ פיין אָרט,
ווען די לעכער זאָלן ניט
זיין אַזוי גרויס דאָרט.
אַלעמאָל, ווען די אידן
לייזן זיך אויס
און קומען אַהין,
ווי „פרייע" זין,
פאַלן זיי גלייך אַרויס —
אַז די לעכער זיינען,
ניט פאַר אונז געדאַכט, צו גרויס !

וואַט קען יו מאַך ?
ס'א באַשערטע זאַך !

דאָס זעלבע איז מיט
געלט :
פון דער גאַנצער וועלט
שיקט מען אַהין
פאַק נאָך פאַק,
איז'ס אָבער אַ לעכערדיקער זאַק :
וויפיל מע גיט
און וויפיל מ'שיט —
איז אַ קלאָג, אַ בראָך !
מ'דאַרף אַלץ נאָך און נאָך.
האָט גאָט דערזען,
אַז סאַ'ן אומגליק געשען,
ער וועט שוין קיין נאַכעס

אין דעם ניט דערלעבן —
האָט ער׳ם ווייצמאַנען
איבערגעגעבן
און קאָפּ אין קישן —
ער וויל זיך מער ניט
מישן.

2

האַקלאַל, ס׳איז גאָט דעם כאָכעם
געווען באַשערט
אַז ניט פעלן
זאָל אים קיין ערד :
האָט ער געשיקט
גאַווריעלן — זיין גאַבע
און צוגעזאָגט די
פרויען אוילעם-האַבע,
אַז זיי זאָלן צולייגן אַ האַנט,
איז רעד צו דער וואַנט !
איז דאָך טאַקע ביטער,
איז אָבער גאָט
אין די איניאָנים אַ געניטער :
ער האָט זיי צוגעזאָגט
צו מאַכן,
״דאַטשעס״ אין אַלע קראַכן,
וואו ס׳איז דאָ אַ פעלד
און וואו ס׳ איז דאָ אַ וואַלד.

דאָס האָט זיי גערירט
און טאַקע באַלד,
שאַ און שטיל
און דאַווקע שטיל
אָן אַ גוואַלד
האָבן זיי זיך
אָפּגעווישט די באַקן,
אָפּגערייניגט האַלז און נאַקן
און יאָם-קיפּער נאָך נעילה
האָבן זיי אַפילע
צוליב גאָט דעם טייערן,
גענומען די אויערן שייערן —
וואָס איז שאַיעך צו זאָגן,

מ י י ס ע ב ע ר י י ש י ס

אַפילע די קעפּ זיך געצוואָגן,
אַבי ס׳אָל ווערן אָן אַ שיר
בלאָטע,
און פאַרשפּאָרן דעם ליבן גאָט
גריזאָטע,
און וואָס פרויען קאָנען !
גאַנצע וואַגאָנען,
האָבן זיי געבראַכט
דעם זעלבן אַפדערנאַכט.

גאָט באָרוך הו
האָט מאַמעש געעפנט די
די אויגן,
ער האָט מיט דער סכיירע
באַצויגן
האַלב אייראָפּע קימאַט.
צו זיין אַקוראַט,
איז גענוג צו דערמאַנען
ווער ס׳איז איצט
דאָרטן פאַראַנען :
פראַנקרייך, גריכענלאַנד
און דאַניע,
איטאַליע, דייטשלאַנד
און שפּאַניע,
עסטרייך און אונגאַריע
און ס׳איז נאָך פאַרבליבן
אַ היבש ביסל בלאָטע
פאַר שווייצאַריע.

אַף מאָרגן אינדערפרי
גיט דעם ריבוינע שעל אוילאָם
אַ צי,
און וואַרפט אַף אייראָפּע
זיין הייליקן בליק,
רייסט זיך אים אַפּ
פון האַרץ אַ שטיק :
ער באַמערקט אַף דערגיך
אַז אייראָפּע
קוקט אוים ווי אַ פליך,

אײן טײל איז באַדעקט
און אַ צווײטע — נישט.
אַן אַנדערער אַף זײַן פּלאַץ
געוואָרן וואָלט
צעמישט,
אָבער ניט בײַ מאָטיען!
עס האָט דאָך גאָט יע
אַ קאָפּ — אַף שרױפן,
האָט ער "פּעטענטס"
גאַנצע הויפנס.
דערמאָנט ער זיך
גלײַך,
אַז סאָוועטנפאַרבאַנד
איז אַזױ רײַך
אַז מע דאַרף איר ניט
פאַרזאָרגן,
זי קאָן אַפילע
אויסבאָרגן
ערד און אויטאָנאָמיע
פאַר אַנדערע נאַציאָנען,
ווי ליטע און לאַטוויע
וואָס האָבן מענטשן
בלויז אַ פּאָר
מיליאָנען,
אַ כוץ אַנדערע
רעפּובליקן,
וועלכע זײַנען גאָר
אַנטיקן.
סאָוועטנפאַרבאַנד
גיט אים אַ וואונק
מיט איר מאַזאָליעטער
האַנט:
אַז ער קען זיך גײן,
ווײַל זי קאָן זיך איר שטעטל
אַלײן באַשטײן. . . .

וואָס־זשע טוט מען אַצינדער
פאַר די איבעריקע קינדער?
שאַ —א —א, ס'דאָ!

מ י י ס ע ב ע ר י י ש י ם

עס קומט אַרויס אַ באַפעל
פון זיין הייליק מויל :
אַז אַלע ווי איינער
אַ רייכער, אַ געמיינער,
זאָל זיך ניט שעמען
און די בלאָטע פון די נעגל,
מייכעל זיין, אַרויסנעמען,
ווייל זיי זעען דאָך אַז עס פעלט
ערד צו ענדיקן די וועלט !
אוי וויי,
איז געוואָרן אַ געשריי !
וויי און ווינד,
וואָס טוט מען אַצינד !
וואָס פאַר אַ זינד,
זיינען מיר באַגיין,
פאַטערל דו מיין ?
ס'האָט ניט געהאָלפן
דאָס קלאָגן,
דאָס טיינען און זאָגן —
ס'איז גאָטס אַ גזירע,
נישטאָ קיין ברירע !
האָט מען געקראַצט און געריבן,
די בלאָטע געקליבן —
געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט,
ניט היינט געדאַכט,
גאַנצע הויפנס געמאַכט
און צו גאָט געבראַכט.
וואָס טאַקע מיט דעם
האָט ער באַדעקט
אַ נישקאָשעדיקן שטאַך,
און ווער, איך בעט אייך,
מיינט איר האָט
פאַרכאַפּט דאָס אָרט ?
מע שמועסט יאַקבי
אַז רומעניע געפינט זיך דאָרט.
פונוואַנען ווייסט מען דאָס געוויי
אַז עס איז אַזוי ?
וואָס הייסט ?

אַט זעט איר דאָך
אַז מע ווייסט !

פעלט נאָך אָבער אויס
פאַר ענגלאַנד
אַ שטיקל יאַבאָשע,
איז אָבער די זאָרג
ניט גרויס,
ס׳איז נישקאָשע,
אונזער גרויס-בריטאַניע
באַזיצט די פייאיקייט
פון "קלעפּטאָמאַניע" —
זי׳ז באַרימט און אַנערקענט
אַז זי קאָן כאַפּן קאָלאָניעס
פון אונטער די הענט.
און איידער איר טוט זיך
אַ דריי
און גיט אַ געשריי
ליגט זי שוין אויסגעשפּרייט
דאָרט,
און לאָזט אייך ניט אַפילע
איר זאָגן אַ קרום וואָרט.

איז דאָך גרויסאַרטיק !
זייט איר אָבער
נאָך ניט פאַרטיק :
עס גייט נאָך אַלץ אָפּ —
ברעכט ער זיך ווידער
דעם קאָפּ.
ער כעשבנט און מעקט
און רעכנט אויס
אַז ס׳איז באַדעקט
בלויז איין דריטל
און ס׳איז ניטאָ קיין מיטל
וואו נאָך צו נעמען,
ער וואָלט זיך אַפילע ניט שעמען
וואו באַ ווּעמען וואָס צו בעטן
אָבי זיין גוטן נאָמען צו רעטן,
אָבער אַז ס׳איז נישטאָ

איז נישט —
ווערט דער בוירע ניט צעמישט.
ער איז קלוג
פלענטי — גענוג !
ס'איז פאַראַן
אַ פּלאַן :
די איבעריקע צוויי דריטל וועלט
וואו טעריטאָריע
פעלט,
מיט וואַסערן פאַרגיסן
און זאָלן די שיף־קאָמפּאַניעס
אויך עפּעס געניסן.

גאָט באָרוך הו
איז צו די בירזשעס אַוועק,
דאָס ערטל דערטאַפּט,
און די "סטאַקס" פאַרכאַפּט.
ווי ס'איז אייך באַקענט
האָט גאָט באָרוך הו
קינענאָרע שטאַרקע הענט,
ער קען געבן אַ קוועטש,
(יו בעטש־ע)
האָט ער אין זיין קולאַק
געקוועטשט דעם "סטאַק"
(ס'אַסוואָרע
אַז דאַן איז געשען
אַ גרויסע צאָרע,
ער האָט מיט זיין מאַכט
אַ פּאַניק געבראַכט).

האָבן וואַסערן
זיך דאַן געגאָסן,
גאַנצע יאַמען אָנגעפלאָסן,
טויזנטער מיילנוויים.
וואָס, ס'איז ביי אייך אַ נייעס ?
זייט ניט קיין דוראַק,
איר שפּילט זיך מיט "סטאַק" !
כע, כע, כע,
איר זייט דאָך גאָר אַ גרינער,

זייט איר דאָך !

3.

האַקלאַל, די וועלט איז פּאַרטיק,
קוקט אויס גרויס־אַרטיק.
ווערט גאָט דער מיילאך,
פאַרשטייט זיך, פריילאך.
אַז די שימכע איז גרויס,
טוט ער די "אָוועראָלס" אויס —
אַן עק, אַ סאָף
און וויל צום הימל אַרוף,
איז אָבער ניט באַשערט
קיין גליק,
מוז ער אַרונטער צוריק:
די וואַסער פון יאַם
האָט ניט קיין אידישן טאַם —
ניט זיס און ניט זויער,
איז דאָך גאָט ניט קיין פּויער,
ער איז דאָך קלוג
פּלענטי גענוג,
כאַפּט ער אַ גרויסע
זשמעניע זאַלץ
און דאָס אַלץ
גלייך אין יאַם
(דאָ פעלט מיר
אַ געלונגענער גראַם).
איז אָבער די זאַך
וואָס ניט זייענדיג
געניט אין פאַך,
האָט ער ניט דערגרויכט דעם ציל —
ער האָט אַריינגעטון צופיל.

אַלזאָ, די ענדע
פון דער לעגענדע:
ס'איז צאָרעס,
די יאַם־וואַסער צום טרינקען
טויג אַף קאַפּאָרעס
און צום קאָכן
ברייגגט'ס ניט קיין נוץ.

מ י י ס ע   ב ע ר י י ש י ם

דאָס איינע דריטל ערד
האָט אויך אַ קנאַפּע ווערט —
רייב און וואַש,
קראַץ און פּוץ,
ס'איז נאָ יוז —
אַז פון אונטן איז בלאָטע
איז פון אויבן שמוץ.

מע קראַצט זיך

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם
פוילט נעבעך
שוין אַ לאַנגע צייט
און פאַרגאַנגען
איז עס אַזוי ווייט,
אַז —
איך מיין עס גאַנץ ערנסט
ניט מיט כויזעק,
זי איז געוואָרן שוין —
שרעקלעך לויזיק.
און ווער עס האַלט זיך אָן
אין איר
האָט אַן אַרבעט
ראַק זיך קראַצן,
עס בייסט, עס בייסט,
שיר צום פּלאַצן.

נעמט לעמאָשל
די רעספּעקטאַבלע ענגלאַנד,
קוקט זי דאַכט זיך אויס
ריין און שיין
ווי פון לאָנדרי ערשט אַרויס —
און
זי קראַצט זיך
טאָג אַזוי ווי נאַכט.
מעקדאָנאַלדן
דעם גאָט-פאַרכטיקן סאָציאַליסט
האָט עס איינגאַנצן
לויזיק שוין געמאַכט.
דער בורזש-סיסטעם
וויל ער, נעבעך,
געטריי און ערלעך דינען ;
בייסט אים אָבער,
קאָן ער זיך קיין אָרט
גאָרניט געפינען.
ווי אַ מעשוגענער לויפט ער אום —
אָט איז ער בּאַ רוזוועלטן
און בּאַלד

מע קראַצט זיך

באַ מוסאָלינין:
מיט טרערן אין די אויגן
שטייט ער און באַוויינט
אַז — ס'אַן אומגליק:
עס בייסט!

אָרימע דייטשלאַנד,
די גרעסטע
עס־די פּראָפעסאָרן,
געפּרואווט דאָס לאַנד
פון בייסעניש אויסצוהיילן.
נו?
ס'איז איבעריק צו דערציילן,
אַז אין מעשעך פון די יאָרן
איז דייטשלאַנד
נאָך מער
פאַרלויזיקט געוואָרן.
געמוזט אָנקומען
צו היטלערן
דעם גרעסטן לויזער
און בעטן זיך באַ אים:
מיין ליבינקער, מיין שאַץ,
שטעל אַוועק זיך
און קראַץ,
ווייל עס בייסט
צו מעשוגע ווערן.
ליבער אַדאָלף
קריגסט אַ פרייע האַנט,
קיינער וועט ניט שטערן. . . .

נו, נו?
וואָס איז דאָ צו קלערן?
געטאָן האָט ער זיין פליכט:
געקראַצט,
געגראַבלט ביז בלוט,
איז וואָס קומט אַרויס?
וואָס מער ער אַרבעט,
וואָס מער ער טוט,
אַלץ ערגער ווערט,

מ ע ק ר אַ צ ט ז י ך

ביטער, ניט גוט !
עס בייסט, עס בייסט !
ס׳האָט היטלערס
ברוינער גייסט
ניט געהאָלפן.
דערקלערט האָט איצט זיך דייטשלאַנד
באַנקראָט.
געמאַכט זיך בלויז
צו שאַנד און שפּאָט.

יאָ !
און ווי האַלט עס
מיט אונזער יו־עס־איי ?
אַ דאַנק פאַר פרעגן,
איבעראַל, אויף אַלע וועגן
הערט מען
אַ ליאַרם, אַ געשריי,
מע זאָגט שוין אָפן
און דרייסט,
ס׳איז "טעררייבל,"
סע בייסט !
שטיקער פון זיך מע רייסט,
טויזנטער פאַבריקן
מאַכט מען צו,
מיליאָנען אַקער לאַנד
גיט מען רו ;
מע זוכט וואָס מער
פאַרקלענערן,
פאַרשמעלערן.
עס גייט אָן
פאַר דעם צוועק
אַ שטענדיקע קאַמפּאַניע
אַבי עס זאָל זיין
וואָס ווינציקער קראַצעוואַניע.

עס בייסט —
און מע קראַצט זיך
אין אַרגענטינע און אין שפּאַניע,
אין מאַראָקאָ

מע קראַצט זיך

און אין דאַניע,
אין סקאַנדינאַוויע
און אין בראַזיליע.
איבעראַל, די זעלבע קראַץ-אידיליע.
אין יעדן אָרט,
וואו מען האַלט זיך אָן
באַ דער בורזש-סיסטעם,
הערשט די זעלבע
קראַץ-פּראָבלעם.
זיצט מען יאָרן
אין זשענעווע,
שוין געוואָרן
ביי זיי אַ טעווע
ניט אויפהערן זיך קראַצן
פּונקט ווי מ'וואָלט ליגן
אַף שמוציקע
מאַטראַצן.
מע שטייט גאַנצע טעג
און מע האַלט זיך באַ די לאַצן,
מע כאַזערט איבער
די זעלבע פראַזן,
די אַלטע זאַצן:
אוי, ברודער,
עס בייסט!
לאָמיר זיך אַנטוואַפענען!

וואו נאָר
אַ מעגלאַכקייט איז פאַראַן,
אין פּאַריז צי אין לוזאַן
באַשטימט מען אָדיענצן,
מע האַלט אַף קאָנפערענצן,
צוליב וואָס?
דאָס אַלטע איבערקייען:
גוואַלד ברידערלעך,
גוואַלד ברידערלעך,
לאָמיר זיך
פון דער בייסעניש באַפרייען;

מע קראַצט זיך

בענעמאָנעס,
ס'איז אַ ביטערער ראַכמאָנעס !
אָט זיצט מען איצט אין לאָנדאָן
אין אַזעלכע שיינע,
רעספּעקטאַבלע פּאַלאַצן.
די עקאָנאָמישע פראַגע
וויל מען וועקסלען, איבערשאַצן,
און עס בלייבט באַם אַלטן.
וואָס זעען מיר דאָרט ?
מען האַלט זיך
אין איין קראַצן.
מ'האָט שוין אויפגעהערט
זיך שעמען
און אַלץ
צוליב וואָס ?
צוליב וועמען ?
צוליב אַ צעפּוילטער,
אַלטער,
לוויזיקער
סיסטעם.

אַנו, ברודער אַרבעטער,
גיב זיך נאָר אַ נעם
און פּונקט ווי אין אַלטן רוסלאַנד
דערלאַנג
אַ זעץ
אַ פּלעם
אַז די אַלטע כאָליערע
זאָל אַוועקפאַלן און פּלאַצן,
וועט אויפהערן בייסן
וועט ניט נויטיק זיין
זיך קראַצן,
און ווערן פון דער פּלאָגעניש
באַפרייט,
כ'לעבן
ס'איז לאַנג שוין צייט !

אַף וואָל סטריט

וואָל סטריט, וואָל סטריט !
אַן אַלכעמישע פֿאַבריק,
אַ קוריאָז, אַן אַנטיק —
פֿון מיליאָנען עמער שווייס,
פֿון גאַלאָנען מענטשלאַך בלוט
וואָס מע צאַפּט
און מע קלאַפּט
אַף רוקנס אויסגעבויגענע,
פּענימער —
ד־אַ־ר־ע, אויסגעצויגענע,
פּים —
מידע און געשוואָלענע,
גלידער —
צעריבן און צעמאָלענע,
הענט —
צעביסענע,
אייוורים —
אָפּגעריסענע !
מיט דעם אַלעם
ווערט געהאַנדלט
און דאָס אַלעם
ווערט פֿאַרוואַנדלט
אין געלט,
אין גאָלד,
אין רייכטום
פֿאַר וואָל סטריט.

שקלאַפֿן מענטשן
אין פֿאַבריק,
ברענגען שעפֿע,
ברענגען גליק —
פֿאַר וועמען ?
פֿאַר וואָל סטריט !
פֿון די פֿאַרמס,
פֿון די באַנען,
פֿון די שיפֿן,
עראָפּלאַנען,
פֿון די טיפֿע
קוילן מינען,

אף וואָל סטריט

פון עלעקטרישע מאַשינען,
פון די גרויסע
וואַסער־פאַלן
און פון אַלערהאַנט
מעטאַלן,
פון ראַדיאָ, טעלעפאָנען,
פון ביקסן און קאַנאָנען —
איז דען מעגלאַך
אַלץ דערמאָנען ?
פון אַלץ און אַלעם
באַ וואָס מענטשן שקלאַפן,
פון אַלץ און אַלעם
וואָס אַרבעטער שאַפן,
ווערט אויסגעפרעסט
די קראַפט,
ווערט אויסגעדריקט
די זאַפט
און דאָס ווערט געצויגן
קיין וואָל סטריט,
און דאָס ווערט געזויגן
פון וואָל סטריט
און דאָס ברענגט פּראָפיטן
פאַר לײדיק־גײער,
פּאַראַזיטן
און סע ווערן מיליאָנען
פון די קלײנינקע
קופּאָנען
וואָס מע שנײדט אָפּ
פון דער "באַנד,"
וואָס מער געהאַלט
סע ווערט מיט גוואַלד
אין פאַבריק געשניטן,
אַלץ מער פּראָפיטן
ברענגט די "שער,"
יעדן טאָג
מער און מער
וואָס מער דעם שקלאַף
מע טרײבט,
אַלץ מער פאַרבלײבט

אף וואָל סטריט

רעוואָך אף יעדער "שער."

וואָל סטריט, וואָל סטריט!
אָט די שמאָלינקע גאַס,
דורכגעווייקט און נאַס
מיטן בלוט און מיטן האַס
מיט דעם ברויזנדיקן קאַס
פון דעם אַרבעטער, דעם שקלאַף.
וואָל סטריט, וואָל סטריט,
אַ פולווערדיקע פאַס....
דערווייל איז זי באַקאַנט
אַלס דער צענטער פון דער וועלט
מיט איר פאַרנעם,
מיט איר געלט,
לאַזט פון זיך הערן
דורך די "בולס,"
דורך די "בערן,"
ספּעציאַליסטן
אַף "לעמעלאַך"
צו שערן,
"לעמעלאַך"
וואָס ווילן ווערן
אַף גיך זייער רייך.

רייך, רייך, רייך!
די געדאַנקען זיינען פול,
אין טאַלמוד־טוירע
אין "פּאַבליק־סקול"
פאַרגעטערט מען איין זאַך
רייך! רייך! רייך!
געלט, געלט אַ סאַך,
אַ סאַך, אַ סאַך! אַ סאַך!
סיי אין כאַלעם
סיי אַף וואָר,
טראַכט מען נאָר
פון ווערן רייך.
דער קרעמער, אַדוואָקאַט,
דער אָפיצער און סאָלדאַט,
דער רעבי און דער פּריסט,

דער פּיאַניסט און זשורנאַליסט,
דער דאָקטאָר
באַ זיין מעדיצין,
דער טעכניקער
באַ זיין מאַשין,
זיצט און קלערט,
גרוי און אַלט
ער ווערט —
נישט צופרידן
מיטן פאַך
סע ברענגט ניט איין
געלט קיין סאַך,
מע זאָל קאָנען
ווערן רייך
און זיין מיט לייטן
גלייך.

שטייט אַ איד
סע ציטערט אים
יעדער גליד —
און שרייט מיטן גאַנצן קויאַך
אין דער הויך :
"באָרוך אַטאָ
"ליבער טאַטע !
"כ'בעט באַ דיר איין זאַך,
"בלויז איין זאַך —
"רייך ! רייך ! רייך !
"אוי טאַטע זיסער,
"וויל איך ווערן רייך,
"כאָטש מיט מאָרגאַנען צוגלייך" !
איד, קריסט, מאַכמעדאַן,
אַכמעד, אייזיק און איוואַן,
אַלע טראַכטן ווי איין מאַן,
אַלע טראַכטן פון איין פּלאַן,
כאָטש פאַרשידן איז די שפּראַך :
רייך, רייך, רייך, רייך !

רייך, רייך, רייך, רייך !
כאַפּט אָן אַ פּאַכאַד,

אַף וואָל סטריט

כאַפּט אַן אַ סטראַך !
ווי מענטשן שפּאָרן,
אַלע יאָרן,
האָט מען קניפּלאַך
אין די זאָקן,
פאַרנייט אין פּאָטשעווקע
פון די ראָקן,
אינם גאַרטל, אין די לאַצן,
אין די בעטן, אין מאַטראַצן,
אין די ווענט
און אין די דילן,
אַלע האָבן דאָ איין ווילן,
אַ פאַרלאַנג אַ שטילן,
צו ווערן רייך,
רייך, רייך, רייך, רייך !

מע טעלעגראַפירט, מע טעלעפאָנירט,
וואוהין ?
אַהין,
אַף וואָל סטריט.
אַף וואָל סטריט ?
אַוואַדע !
פון פיטסבורג און קאַנאַדע,
פֿון ריטשמאָנד און אָהייאָ,
פון פּאָרטסמוט און האַוואַיע,
אַלט און יונג,
יונג און אַלט,
אַזש מע פאַלט.

"מיסטער בראָוקער,
"סעי מיסטער בראָוקער !
"פאַרשרייבט אַף מיר
"פון דער קאָנסאָלידייטעד
"גאַנצע פיר !
"שרייבט, שרייבט, מיסטער בראָוקער,
"פאַר יאַנקל סאָקער
"גאַנצע צען,
"יעס, סער !
"צען שטיק, צ-ע-ן !

אַף וואָל סטריט

„פאַרשרייבט שוין, שוין, שוין״ !
סע ציטערן די הענט,
די אייגעלאך ברענען,
מע קאָן גלייך דערקענען
מיט וועמען מע האָט צו טון.

זיצען „פיינע לייט״ — גענאָסן,
רויכערן נערוועז— פּאַפּיראָסן,
באַ גלעזלאך פּולע
אָנגעגאָסן,
און מע שמועסט
און מע רעדט,
פון וואָס רעדט מען,
פון סטרייקס ?
פון שקלאַף און האַר,
כאַ, כאַ, כאַ,
זיי זשע ניט קיין נאַר !
וועמען ליגט׳ס גאַר אין זינען,
קאָנסט קיין בילכערס ניט געפינען,
האַ ?

דער „טיקער,״ דער „טיקער,״
דאָס איז איצט דער
איקער,
אַלע מאָל וואַרפט אַ בליק ער
דער גענאָסע אַפן „טיקער״
און הויבט׳ס אָן צייגן
אַז די „פוינטס״ שטייגן —
איז נאָך אַ שנאַפּס
און נאָך אַ שנעפּסל
און פּאַר סימכע
ווערט מען שיקער
און הורא פאַרן „טיקער.״

דער „טיקער,״ דער טיקער,״
יעדער קלאַפּ, יעדער „טיק״
גיט צו געזונט אַ שטיק,
יעדער קלאַפּ, יעדער „טיק״
ברענגט „רייכטום,״

אף וואָל סטריט

ברענגט "גליק."
סע שטייגט די "שער"
וואָס מער און מער —
אָט, אָט, אָט
און זאָראַך ווערט אַ
מיליאָנער. . . .

"שער," "שער" — "שער"-אָ-מאַניע,
סיי אַליין און
סיי אין קאָמפּאַניע,
רעדט מען נאָר פון "שערס."
געוואָרן אַ כאַלאָס,
אַ מעשוגאַס,
אין שטוב און אַף דער גאַס —
רעדט מען, טראַכט מען,
שמועסט מען, כאָלעמט מען
פון "שער."

— — — — — — — — — — —

שמאַ איסראָעל,
דזשי-זוס קרייז-ז-ז ! ! ! !
דערלאַנגט אַ האַנטוך,
אַ שטיקל אייז ! ! ! !
וואָס ? וואָס ?
וואָס איז געשען ?
קאָנסט ניט זען ?
קאָנסט ניט . . . . .
אוי, אוי, אוי !
סע פעלט אוים לאָשן
סע פעלט אוים שפּראַך . . . . .
אַזאַ מין זאַך ! אַזאַ מין זאַך !
אין וואָל סטריט
אַ קראַך !
אַ ק-ק-קראַך ?
יאָ אַ קראַ-אַ-אַך !
טאַקע אַף דער עמעסן ?
יאָ אַף דער עמעסן !
וויי-ז מיין לעבן,
וויי-ז מיין וועלט !
מיינע פּאָר טולער,

אף וואָל סטריט

מיין געלט ! מיין געלט !
מיין ג-ע-ל-ט ! ! !

זאָראַך, נעבאַך, איז צעמישט,
פון אַלע כאַלוימעס
געוואָרן איז
הוילער נישט,
סע האָט קיין ווערט ניט
אַצינד די "שער,"
אוים מיליאָנער ! אוים מיליאָנער !
א-ו-י-ם ! א-ו-י-ם !
אַלץ איז געפאַלן, אַלץ !
אויסגערונען די שמאַלץ !
אַ באַרג מיט פּאַפּיר
פאַרמאָגט איצט
דער נעכטיקער "געוויר."

מע זיצט, מע קרעכצט,
מע לעכצט —
דאָס פולע האַרץ אויסצוגיסן,
וואָס ווערט אַף שטיקער
שיר צעריסן —
און די אויגן פלויכען, גיסן,
נו זאָל די וועלט כאָטש וויסן
אַז געגנאָסע קאָהן,
געמאַכט שיר אַ מיליאָן !
שיר, שיר, שיר, שיר
געוואָרן אַ געוויר
און אַצינד,
וויי און ווינד !
ווינד און וויי !
כאָטש נעם און גיי
וואַרף זיך אין טייך —
נישט באַשערט צו ווערן רייך,
נישט באַשערט,
איר הערט — נישט באַשערט.

— — — — — — — — — — —

וואָל סטריט, וואָל סטריט !
דאָס געמויזעכץ

אף וואָל סטריט

פון געמבלער
ספּעקולאַנטן,
באַשעפענישן —
אַלערליי וואַריאַנטן.
מע געמבלט אַפן כעשבן
פון מאַזאָליעטע הענט,
מע געמבלט
מיטן קליינבירגער'ס
אָרימע פּאָר סענט,
און ס'איז אַנשטענדיק
און ס'איז פיין —
אַזוי יאָר אוים,
אַזוי יאָר איין.

— — — — — — — — — — —

וועט'ס אַלעמאָל
אַזוי זיין ?
נאָו . . . . סער ! ! ! !
אָט די שוואַרצע וואָראָנעס
וואָס פּרוכפּערן און מערן זיך
אין אַ קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם
וועלן נאָר ביז דאַן אַרומפּאַדיען
און זיך זאַנאַדיען
ביז דער אַרבעטער קלאַס
וועט זיינע הענט
צעפירן
און אַ סאָוועטנמאַכט
איינשטעלן,
עטאַבלירן.
דאָס אַלעס,
מע דאַרף ניט מער !
דאַן וועלן די שוואַרצע כעוורע
לאַנג שוין ניט ציען,
זיין וועלן אָנהויבן
פליען,
האָ ! האָ ! — האַ ! האַ !
אַיי וועלן זיי פליען !
אַיי ! אַיי ! אַיי ! אַיי ! אַיי !

סאַלוט גענאָסע הילמאַן !

האָכגעשעצטער גענאָסע,
הייליקער טרעגער
פונם "גאָלדן-רול" מעדאַל !
איצט אין "דיזן" פאַל,
ווען געוואָרן ביסטו
פון מיס פוירקינס
אַזוי "לעיבאָר"דיק דערהויבן,
איז ניט מער ווי רעכט
אַז מיר אַלע דאָ פון אונטן
זאָלן דאַנקען און לויבן,
פריער גאָט,
דערנאָך דעם פּרעזידענט
וואָס ענדלאָך פאַר דיינע "לייסטע"
געוואָרן ביסטו אַנערקענט. . . . .

— — — — — — — — — — —

סאַלוט גענאָסע הילמאַן,
סאַלוט !
ס'איז דיר וואויל !
ס'איז דיר גוט !
ניט נאָר האָבן מאַנופעקטשורערס,
שניידער פאַבריקאַנטן
אָפּגעשאַצט דיר
מיט דיינע פּילפּאַכיקע
טאַלאַנטן
און זיינען מאַמעש
פאַר דיר מעשוגע —
פאַר דיינע איינפאַלן
די קלוגע
ווי לעמאָשל :
"סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאָקשאָן"
און אַרבעט פון שטיק
וואָס געזאָלט האָט'ס
צוריקברייגנען
די אַרבעט פון דער קאָונטרי
אין שטאָט אַריין צוריק. . . . .
היינט
די 20 פּראָצענטיקע האַלוואָעס
פון די אַרבעטער צו די באָסעס
(אין פאָרמע פון קלענערע סכירעס)

סאַלוט גענאָסע הילמאַן

איז דאָך גאָר אַן איינפאַל,
אַן אַנטיק !
און דערפאַר
ווינשן טאַקע דיר די באָסעס
דאָס אייביקע גליק . . . .
און ניט נאָר זיי
אויך די פיר הונדערט,
די סאָמע פּניי
די אַריסטאָקראַטיע
פון אונזער "ניישאָן"
ווערן צעריסן דיר לויבנדיק
פאַר פּרעדיקן
"קלעס-קאָלעבאָריישאָן,"
אַ פּאָרטל אַזאַ אַ שיינס —
ווען פון צוויי קלאַסן
מאַכן איינס . . . .
איז פאַרשטייט זיך,
אַזאַ קונציקן פּאַרשוין ווי דו,
אַ פענאָמען !
אַ ברען !
וועט וואַשינגטאָן
זיכער ניט פאַרבייגן
פאַרזען. . . . .
און אַט האָבן טאַקע אונזערע רעגירער
אָפּגעשאַצט גענוי,
דיר — דעם וואונדער פירער
ווי פיין און אַנשטענדיק
דו האָסט מיט די אַרבעטער
די פּראָדוצירער
געמאַנעווורירט,
און באַם שמעק-ביילעק פון פּאָנים
אַזוי ביינעוודיק געפירט. . . .

— — — — — — — — — — —

סאַלוט גענאָסע הילמאַן,
סאַלוט !
דו וואַקסט און שטייגסט
יעטוועדע מינוט !
וועסט זיך מער
ניט דאַרפן פּאַטשקען

סאַלוט גענאָסע הילמאַן

מיט פראָסטע גענגסטער
זיי זאָלן די אַרבעטער אַ לעקציע
אין הילכעס-יוניע געבן —
אַצינד גענאָסע לעבן
וועסטו קאָנען זיך פאַרגינען
אַז דאָס לאַנד-מיליטער
אין אַ נויט-פאַל
זאָל דיר באַדינען.
און באַווייזן די קאַבצעניוקעס
די האָלעדריגעס, שניידערוקעס
אַז דיר פאָלגן
יעדער איינער מוז
אין נאָמען פון מיס פוירקינס
און פרענקי רוז —
און אין נאָמען פון אַלע
פאַטריאָטישע לאַקייען
וועלכע "קעמפן"
פאַר די נאָבעלע אידייען
דעם גויסעסדיקן קאַפּיטאַל
וואָס אָפטער אַ קיצל געבן
זאָל ער כאָטש ווייזן
סימאָנים פון לעבן,
און מיט מער פראָלעטאַריש בלוט
אים אײַנרייבן, באַשמירן,
עפשער וועט ער קאָנען
זיך פלינקער רירן.
און אַף בלוט-איניאָנים
ביסטו אַלס גענאָסע
אַ גרויסער ספּעציאַליסט
און ניט אומזיסט
זאָגן די שניידער :
הילמאַן האָט פאַרדינט
אַ היטלער פעדער אין זיין הוט.

— — — — — — — — — — —

סאַלוט גענאָסע הילמאַן,
ס אַ ל ו ט ! ! !

איינס, צוויי, דריי, פיר און פינף

(אַ קלאָג פון אַ ריעל-עסטייטניק)

כ'האָב איין ווייב,
צוויי זין,
דריי טעכטער,
פיר אייניקלאַך
און
פינף הייזער.

פון ווייב האָב איך . . . צאָרעס,
פון די זין — אַגמעס-נעפעש,
פון די טעכטער — כאַרפעס-פּאָנים
און פון די הייזער —
קאַדאָכעס.

די ווייב קרענקט,
די זין — שאַרלאַטאַנעווען,
די טעכטער — הולטאַיעווען,
די אייניקלאַך — באָמעווען
און די הייזער —
פוסטעווען.

כ'האָב איין ווייב,
ווי איז מיר!
צוויי זין,
ווינד איז מיר!
דריי טעכטער,
וויסט איז מיר!
פיר אייניקלאַך,
פינסטער איז מיר!
פינף הייזער —
אַ קלאָג צו מיר!

די ווייב דאַרף געלט אַף דאָקטוירים,
די זין—אַף "בריטש-אָון-פּראָמיס" קיים
די טעכטער — אַף געט-פּראָצעסן,
די אייניקלאַך — אַף "גוד-טיימס"
און די הייזער —
אַף טעקסעס.

איינס, צוויי, דריי, פיר און פינף

כ'האָב איין ווייב,
איז זי דאַר ווי אַ שטעקן,
— צוויי זין —
לאַנגע דראָנגעס,
— דריי טעכטער —
גראָבע קלעצער,
— פיר אייניקלאַך —
דעמבענע קעפּ,
— פינף הייזער —
הילצערנע קאַסטנס —
אַ רעגעלע "לאָמבער־יאַרד" !

די ווייב גייט צו מאַטינעס,
די זין גייען צו "בורלעסק שאָוס,"
די טעכטער גייען צו "ברידזש פּאַרטיס"
די אייניקלאַך גייען צו "האָרס רייסעס"
און די הייזער גייען צום —
שעריף.

כ'האָב איינס,
צוויי,
דריי,
פיר,
פינף
און איך — דער זעקסטער,
גיי אַרומטער פון זינען.